**Speaker 2:** אמת, ס'איז נקיות, נישט דווקא אן אנדערע. ס'איז דא פלעצער וואו מ'גייט שבת, ס'זעט אויס ממש נאר אביסל אנדערש. ס'איז דא וואס גייען שבת אויך א שטריימל. געוויסע אין סאטמאר איז דא וואס גייען שבת און אין די וואכן א שטריימל, און שבת א ביבער הוט. ס'איז שענער. סאו, ס'איז דא וואס האלטן אז כסות נקיה איז גענוג, ס'מוז נישט זיין אן אנדערע מלבוש ממש. אדער אין די ליטא גייט מען נישט ממש אן אנדערע מלבוש, נאר אביסל א שענערע. די זעלבע זאך, מ'גייט א טיי, א ריינע, יעדע זאך זאל זיין אנדערש. וואטעווער, מ'טרעפט, מ'דארף. קען מען הערן. דאס איז אלץ מנהגים, מ'קען זיך נישט טון אנדערש ווי די גאנצע עולם טוט. אבער ס'איז דא.

**הלכה ג (המשך) — תקנת עזרא: כיבוס בחמישי**

ווייטער, **"ועזרא תיקן"**, ס'איז דא א תקנה פון עזרא הסופר, ער האט מתקן געווען **"שיהו מכבסין בחמישי"**, אז די עולם זאל וואשן זייערע וועש דאנערשטאג, לכבוד שבת, אז מ'זאל האבן ריינע וועש אויף שבת. פארוואס נישט פרייטאג? ווייל פרייטאג אליין איז נישט קיין צייט, ס'איז שוין ערב שבת. עזרא האט, ס'איז אינטערעסאנט, דאס איז פארט פון די תקנות פון עזרא וואס שטייט דארטן. באמת, ער האט געמאכט די סדר החיים פון די אידן אין ארץ ישראל. זאגט מען, עזרא האט געמאכט, יא, אלע מיני זאכן, גשמיות'דיגע זאכן. עזרא האט געמאכט די סדר אז יעדער דאנערשטאג איז די לאנדזשרי מעט אפן, וואטעווער ס'איז געווען אין יענע צייטן די בחינה פון דעם.

**הלכה ד — איסור קביעות סעודה ערב שבת**

**Speaker 1:** יא, זייער גוט. זאגט די רמב"ם ווייטער, יעצט איז דאס די זאכן וואס מ'דארף יא טון. יעצט קומט ער צו לערנען אן איסור, רייט? **"אסור לקבוע סעודה ומשתה בערב שבת"**. מ'טאר נישט קובע זיין א סעודה און משתה בערב שבת, אז מ'זאל זיך זעצן מאכן א סעודה ערב שבת, לכבוד השבת. די רמב"ם זאגט נישט פון וועו, לכאורה דא וואלט מען געזאגט די גאנצע טאג. רייט? דאס מיינט צו זאגן א משתה, דאס הייסט א מענטש האט א ספעציעלע פארטי אדער, מ'זעט אין די גמרא, א מענטש האט איינמאל א וואך זיין סעודה וואס מ'קומט זיך צוזאם, זאל ער עס נישט מאכן ערב שבת, זאל ער עס מאכן אויף שבת. ס'איז א בזיון פאר שבת אז דו מאכסט עס ערב שבת. א משתה. א משתה מיינט אזוי ווי א גרויסע פארטי, נישט סתם אז מ'עסט. אבער אכילה ושתיה סתם איז נישט קיין טענה. איך מעג אבער יא עסן און טרינקן ביז ס'ווערט נאכט. נאכדעם וואס ס'ווערט נאכט האט דער רמב"ם געזאגט אז מ'טאר נישט עסן פאר קידוש, אבער ביז ס'ווערט נאכט מעג מען עסן.

**Speaker 2:** אפילו פירות וירקות?

**Speaker 1:** אפילו פירות וירקות. דער רמב"ם זאגט, אפילו מ'מעג עסן, מ'טאר נאר נישט מאכן א גרויסע סעודה, איז דא אבער דא א גרעסער כבוד השבת, און כיבוד השבת. א דיטייל אין די מצוה פון כיבוד השבת איז **"שלא ימנה אדם מן המנחה ולמעלה"**, אז פון מנחה ולמעלה, פון די צווייטע האלב ערב שבת, זאל מען זיך צוריקהאלטן פון לקבוע סעודה.

פארוואס? פון לקבוע סעודה, **"כדי שיכנס לשבת כשהוא תאב לאכול"**...

**דיסקוסיע: "קביעות סעודה" vs. "משתה"**

**Speaker 2:** דאס איז נישט די זעלבע לשון ווי משתה.

**Speaker 1:** יא, דאס איז נישט די זעלבע לשון. ער זאגט דא קביעות סעודה, נישט משתה.

**Speaker 2:** יא, אבער נישט א משתה.

**Speaker 1:** די זעלבע לשון קביעות סעודה. און נישט א משתה. פארוואס? **"כדי שיכנס לשבת כשהוא תאב לאכול"**. אז מ'זאל נישט עסן א גרויסע מאלצייט. ער מיינט נישט דא א פארטי. לכאורה איז דאס די זעלבע זאך, ווייל ער ניצט נישט די זעלבע לשון. קביעה, ביי ביידע זאגט ער דיווארט קביעה, אבער די קביעות סעודה דא מיינט לכאורה אזוי ווי למשל אין הלכות ברכות מיינט א שיעור קביעות סעודה, עסן אסאך, ווייל נארמאל האט ער... דו האסט שוין געזאגט אז ס'איז דא א מצוה פון עונג שבת, אז מ'גייט מאכן א סעודה.

**דיסקוסיע: כבוד שבת אדער עונג שבת?**

סאו די כבוד שבת איז... דאס איז א כבוד שבת, דאס איז נישט א חלק פון עונג. אויב דו ביסט נישט הונגעריג, קענסטו נישט האבן קיין עונג שבת. אבער ס'איז נישט קיין כבוד אז דו ביסט שוין אנגעגעסן אין ערב שבת, און ס'קומט שבת און דו ביסט נישט הונגעריג פאר די סעודה.

**Speaker 2:** אז דו קענסט נישט רעכענען אז דאס איז א דין אין די עונג? אה, די עונג זאגסטו? ס'איז עונג אז דו זאלסט זיין זאט, און אויב דו ביסט שוין זאט פארדעם... ס'איז כבוד אז דו דארפסט יעצט זיין זאט.

**Speaker 1:** אקעי, בעיבי, גאו גאו, ביי ביי. גאו גאו פלעי. נו נו נו, יו קענט קראי נאו.

**דיסקוסיע: "לקבוע סעודה" — וואס מיינט עס?**

**Speaker 2:** יא, איך מיין אז דאס שטייט פריער, קביעות סעודה. דאס איז וואס דו האסט געפרעגט פריער פון מיר, אז די אברבנאל האט דאך געלערנט אין די פריערדיגע פרק, האט ער געזאגט די הלכות פון איינער וואס איז אינמיטן א סעודה. איך מיין אז בדרך מקרה מעג מען. לקבוע סעודה מיינט אז ער מאכט אז זיין זמן הסעודה איז פרייטאג. אבער וועו ס'האט זיך פונקט געמאכט, אזוי ווי די פוסקים רעדן וואס איז די הלכה ביי א סעודת מצוה וואס קומט אויס דעמאלטס, עס שטייט נישט אין רמב"ם די הלכה. לכבודו סעודה מיינט אז מען פרעגט דעם מענטש, וועו איז דיין וואך די סעודה? די משפחה קומט זיך צוזאם, ס'איז פרייטאג. דאס טו נישט. ער האט זיך געמאכט און געמאכט א סעודה, עס איז נישט אין עושה.

**הלכה ה — מסדר שלחנו בערב שבת**

**Speaker 1:** אקעי, נאך א הלכה פון כבוד, יא. זאגט די רמב"ם, **"מסדר אדם שלחנו בערב שבת"**. מה פירש אין צריך ערן?

**מסדר שולחנו בערב שבת ובמוצאי שבת**

לכבוד הסעודה מיינט אז ער מאכט אז זיין זמן הסעודה איז פרייטאג. אויב ער האט זיך פונקט געמאכט, ס'איז געווען דעמאלטס... די פוסקים רעדן וואס איז א סעודת מצוה וואס קומט אויס דעמאלטס, א ברית... ס'שטייט נישט אין רמב"ם די הלכה. לכבוד הסעודה מיינט אז מ'פרעגט דעם מענטש, וועו איז דיין וואכעדיגע סעודה וואס די משפחה קומט זיך צוזאם? ס'איז פרייטאג. דאס טוט ער נישט. ער האט זיך געמאכט א סעודה, אבער ס'איז נישט אין עונה. קיינער הערט נישט.

אקעי, נאך א הלכה פון כבוד, פון כבוד, רייט? זאגט דער רמב"ם, **"מסדר אדם שולחנו בערב שבת, ואף על פי שאינו צריך אלא לכזית."** מ'גרייט אן א טיש, אזוי ווי וועו מ'מאכט א גרויסע סעודה, א גרויסע פארטי, דארף מען זיך נעמען גרייטן פון אפאר שעה פארדעם, ווייזן אז ס'איז א גאנצע עסק. אפילו א מענטש וואס דארף נאר עסן א כזית, וועט ער דאך מאכן א מצב ארום די כזית, ער וועט גרייטן א טיש. יא? יא, יא. **וכן מסדר שולחנו במוצאי שבת.** מוצאי שבת ביי די... אקעי, מ'וואלט געטראכט וואס ער מיינט. מ'באגלייט די שבת? מוצאי שבת מיינט סעודה שלישית. וועו די שבת גייט ארויס, בצאת השבת, נישט מוצאי שבת וועו ס'איז שוין. וועו די שבת

גייט ארויס, **"ואף על פי שאינו צריך אלא לכזית, כדי לכבדו בכניסתו וביציאתו."** אינטערעסאנט. דאס זעט אויך אויס ווי סתם "מסדר שולחנו", מ'גרייט א טיש.

**דיון: האם "מוצאי שבת" מיינט מלוה מלכה אדער סעודה שלישית?**

רייט. אונז האבן גערעדט פון דעם לעצטע מאל אז ס'איז דא מפרשים וואס פארשטייען אז דא איז דא א מצוה וואס אונז רופן מלוה מלכה. ס'קומט דא א פערטע סעודה, אז נאכדעם וואס די שבת איז אוועקגעגאנגען, מאכט מען נאך א סעודה כדי לכבד את השבת ביציאתו. אבער ס'איז נישט קלאר פון די רמב"ם, און אויך נישט פון די גמרא, אז ס'איז דא אזא מצוה. ס'קען זיין אז מוצאי שבת מיינט פשוט אזויווי וואס אונז רופן סעודה שלישית. דאס הייסט, סיי פרייטאג פארנאכט, סיי שבת ביינאכט, זאל זיין געדעקט א טיש.ביידע, אפילו מ'איז נישט הונגעריג אדער מ'דארף נאר עסן א כזית, זאל זיין געדעקט די טיש. ס'שטייט נישט אין רמב"ם דא א מצוה פון א פערטע סעודה.

רייט. ס'שטימט, ווייל אונז האבן דאך פריער געלערנט אז די גאנצע דאגה איז וויאזוי מיט די ברכת המזון מיט הבדלה, ווייל דאס איז געווען די סדר. דאס איז דער רמב"ם פארשטאנען אז דאס איז די סדר, און מ'עסט די סעודה, די דריטע סעודה. דער רמב"ם גייט זאגן שפעטער די סדר, מ'וועט זען. אבער מ'זעט נישט אין רמב"ם אז ס'איז דא א פערטע סעודה פון מלוה מלכה. און איך קוק עס אן אז, איך מיין, אין די ווינטער איז דאס גרינגער, און אין די זומער אזויווי יעצט, אז סעודה שלישית איז ניין אזייגער, נאכדעם עסט מען נאך א מלוה מלכה ווייזט זיך אויס, איך ווייס נישט צו וואס. ס'קען זיין, די ווארט דא איז אז דאס איז אויך די כבוד השבת אז מ'גרייט אן א גאנצע טיש, אפילו ס'איז שוין... און די חידוש איז אז נישט נאר ביי די ערשטע סעודה פון שבת איז דא אן עקסייטמענט, די זעלבע עקסייטמענט זאל אויך זיין ביי די דריטע סעודה, וואס איז אויך א סעודת שבת. ס'איז א כבוד.

**הלכה ה׳ (המשך) — וצריך לתקן ביתו מבעוד יום**

**וצריך לתקן ביתו מבעוד יום לכבוד שבת.** ער דארף פיקסן די הויז. ס'איז צוגרייטן, נישט פיקסן. אנגרייטן. דאס הייסט, ס'שטייט אין די הלכה אז מ'זאל נישט סעטן די טיש ווען ער קומט אהיים פון שול, מ'זאל עס שוין סעטן פאר מ'גייט אין שול, כאילו מבעוד יום.

**ויהיה נר דולק ושולחן ערוך ומטה מוצעת.** ס'זאל זיין א לעכט אנגעצינדן, און א גרייטע טיש, און די בעט וואס מ'זיצט ביי די סעודה זאל זיין שיין אויסגעבעט, און אפשר אויך די בעט וואו מ'גייט שלאפן. **שכל אלו לכבוד שבת הם.**

**פארהעלטעניש צו הדלקת נרות**

יעצט, די ווארט פון כבוד, אז די שטוב זאל זיין, בקיצור, דאס איז די מצוה פון קלינען די הויז און מתקן זיין די הויז ערב שבת. יעצט קען מען זען נאך איין זאך אין ערב שבת. ער האט שוין געזאגט וועגן די נר דולק, האט ער שוין גערעדט די חלק המצוה פון הדלקת נרות, די לשון וואס מ'מעג נוצן, האט ער גערעדט וועגן די מצוה. אבער דא זאגט ער אז ס'קען אפילו, אפשר די ווארט איז אז אויסער אויב ער האט א גרעסערע הויז און ער האט געצינדן די אנדערע פארט, דארטן וואו מ'עסט די סעודה זאל זיין די דריי זאכן.

איך ווייס נישט צו ס'איז א סתירה, אבער יעצט פארשטייט מען שוין די דין. ער לייגט צו די פרטים אויף די מציאות, וואס איז שוין אלעס גרייט. און אמת, ס'איז דא א מצוה פון הדלקת נרות, די מצוה איז כבוד שבת. וועלכע מצוה? די רמ"א זאגט הדלקת נר בשבת חובה. וועלכע מצוה? ס'איז די זעלבע מצוה פון כבוד שבת. ער האט נאר נישט געברענגט דעמאלטס, אבער איך מיין אז דא שטייט אמת'דיג די מצוה.

**הלכה ו׳ — אדם חשוב חייב לעשות בגופו לצורך השבת**

יעצט קען מען זען הלכה ה'. נאך א סארט כבוד. דאס הייסט, פריער האבן מיר געלערנט כבוד אויף אן אופן פון צוגרייטן. יעצט די כבוד איז די גברא, ווער איז דער וואס גרייט צו. דאס איז די זיך עוסק זיין אין דעם איז די כבוד. דאס הייסט, ווער זאל טון די אלע זאכן וואס מיר האבן גערעדט כבוד? דער מענטש זאל עס טון. נישט סתם א מענטש דארף עס טון ווייל ער האט נישט קיין צווייטן. אפילו א מענטש וואס איז אן אדם חשוב, וזו היא דרכו ליקח דברים נאים, ער איז נישט דער וואס גייט איינקויפן פאר שבת, ער איז נישט דער וואס איז עוסק במלאכת הבית. א גאנצע וואך, שטייט אז ער איז לעולם יא, אבער **חייב לעשות דברים אלו לצורך השבת בגופו, ער זאל יא טון, זיך אנשטרענגען און טון זאכן לכבוד שבת, שזה הוא כבודו,** דאס איז די כבוד פון די שבת.

**דיון: כבוד שבת אדער כבוד המצוה?**

און דאס איז דער כבוד פון די מצוה? ניין, כבודו של שבת. דער רמב"ם רעדט כבוד שבת. ניין, איך מיין אז דו האסט געזאגט אז דאס איז דער כבוד. ער זאגט אפילו אויב אן אדם חשוב... אזוי ווי דוד המלך. די כבוד התורה איז א משל זאל זיין. קען זיין ס'איז אמת, אבער וואס ער מיינט דא צו זאגן איז, אזוי ווי דו האסט געזאגט, אז ס'קומט א מלך, די חלק פון די כבוד איז אז די... אז די שיינע אידן, נישט נאר אז ס'זאל זיין אנגעגרייט, נאר אז א שיינער איד זאל עס אנגרייטן. דאס איז דער כבוד, און דאס איז דער כבוד. דאס האסטו פריער געזאגט. דו זאגסט שיין, אז דאס איז דער דרך האדם.

אין אנדערע ווערטער, איינער וואס איז נישט קיין אדם חשוב און ער איז נישט מקיים דאס, אפילו ער מאכט עס אליין, איז עס סתם א מצוה, "מצוה בו יותר מבשלוחו" שטייט אין די גמרא. אבער דער רמב"ם לייגט צו נאך א זאך, אז ס'איז א כבוד אז אן אדם גדול איז דער וואס גרייט צו, ער איז זיך מבזה כדי לכבד זיין דאס שבת. דאס איז אמת.

און פון דעם ברענגט ער מעשיות. איך געדענק פון דעם "מצוה בגדולים" דארטן, וואס איז שובת מעבירה, דארף אויך זיין דורך אן אדם גדול. יא, אנדערע ווערטער.

**חכמים הראשונים — יעדער האט געטון זיין אייגענע הכנה**

**"חכמים הראשונים"**, זאגט ער אזוי, **"חכמים הראשונים"** גייט ער דא זאגן, אין די גמרא איז באקאנט, רבא האט געזאלצן די פיש די שבוטא און אזוי ווייטער. ס'שטייט דארט אין די גמרא פארשידענע פעולות וואס די אמוראים האבן געטון אליין לכבוד שבת. זאגט דער רמב"ם אזוי, **"חכמים הראשונים"** — דער רמב"ם האט א סדר, ער זאגט נישט כמעט קיין נעמען פון קיין חכמים. חוץ איינמאל דערמאנט ער נעמען פון חכמים. ער דערמאנט נישט עזרא? דו מיינסט די חכמים אין די גמרא זאגט ער נישט. עזרא איז נאך פון... יא, ער דערמאנט נישט אמאל רב? יא, איינס אדער צוויי מאל האט ער דערמאנט רב פאר סאם ריזען. אבער חוץ פון דעם, אלעמאל איז עס "חכמים הראשונים".

**"חכמים הראשונים"**, איז אזוי, **מהם** צווישן זיי, ער וויל עפעס אזוי ווייזן אז יעדער האט געטראפן זיין וואס ער האט געטון גוט אדער וואס. ס'איז נישט דא געווען אין דעם קיין סעט מנהג. ס'האט נישט געקוקט איינער אינעם צווייטן, "מחזר דברי אביי, מחזר דברי רבא". **מהם שהיה מפצל עצים לבשל** — ער האט צעבראכן די העלצער, אנגעגרייט די פייער. **ומהם מי שהיה מבשל** — ער האט געקאכט, **או מולח בשר** — געזאלצן פלייש, **או גודל פתילות** — האט דער איינער געדרייט די קנויטן, אנגעגרייט קנויטן פאר די נרות שבת, **או מדליק נרות** — ער האט אליין געצינדן די לעכט שבת. **ומהם מי שהיה יוצא וקונה דברים** — געגאנגען שאפינג — **שצריך לשבת, ממאכל ומשקה, אף על פי שאין דרכו בכך** — אפילו ער איז געווען אן אדם חשוב און ער וואלט דאס נישט געטון אינמיטן די וואך. האבן זיי געטוהן די הכנות לכבוד שבת. אפשר אויף אלע זאכן, אדער אפשר בעיקר אויף די לעצטע, ווייל ס'איז נישט קיין גרויסע טירחא. די ווארט איז אז געווענליך זעהט מען אים נישט אין גראסערי, אבער לכבוד שבת האט מען אים געזעהן אין גראסערי. אבער אויף אלע, ס'איז אויך נישט געווען דעם טייפ צוזאמענפאצן עצים. דארף מען זאגן אז ס'קען מיינען אויף אלע פון זיי.

**"כל המרבה בדבר זה הרי זה משובח".** דער מענטש מיינט אז ער איז משובח ווען ער האלט זיך זייער שיין ווי א שיינע איד, פארקערט, ער איז מער משובח. יא, אזוי ווי "זה כבודו" לויט די טייטש, אבער דאס איז

משובח, אדער... יא. אמת, על כל פנים, דאס איז... פון וואו איז די לשון? די גמרא זאגט "כל המרבה בדבר זה הרי זה משובח"? פון די הגדה ווייס איך "כל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח". פון וואו איז די לשון? אפשר דער רמב"ם האט עס אריינגעלייגט ווייל ער ברענגט, די גמרא ברענגט די אלע לשונות, יעדער איינער קען אזוי, צו ווייזן אז יעדער האט געזוכט עפעס א... ס'שטייט נישט.

**דיון: פון וואו איז "כל המרבה בדבר זה"?**

אה, אפשר דאס איז די טייטש פון די גמרא פון "איש מקדש". די גמרא זאגט "מצוה בו יותר מבשלוחו". וועלכע מצוה? דאס איז די משובח, אז וויפיל מער מ'טוט אליינס איז עס משובח. אבער אזוי ווי איך בין מדייק, דער רמב"ם דא לייגט צו נאך אזא חידוש פון "מצוה בו יותר מבשלוחו", ע�� לייגט עס אריין אין כבוד. דאס הייסט, נישט נאר אז דו קענסט נישט געבן פאר דיין משרת דאס צו טוהן ווייל ס'איז א מצוה צו טוהן אליינס די מצוה, נאר ס'איז אויך אז דאס אליינס איז די כבוד פון שבת, אז די חשוב'ע איד טוט עס. די "מצוה בו יותר מבשלוחו" איז א דין בכלל, נישט אין שבת, פאר אלע מצוות. אבער דא איז דא אן עקסטערע ענין אז דאס איז די כבוד פון די...

**סיום כבוד שבת — פארהעלטעניש צו קידוש**

ס'איז דא דארט די גאנצע חקירה פון די ראש, וועלכע מצוה איז עס צו מאכן קידוש. לויט'ן רמב"ם איז נישט קיין ברכה, ווייל כבוד שבת איז דאס. שטימט? איז עד כאן הלכות כבוד שבת בעצם. לאמיר זעהן, אפשר איז דא נאך עפעס שפעטער וואס האט מיט כבוד שבת, אבער דאס איז די עיקר ענין פון כבוד שבת, רייט?

**דיגרעסיע: קבלת שבת און מתעטף**

דרך אגב, די הלכה וואס מיר האבן געלערנט וועגן די מתעטף, דאס איז די מקור בעצם פון קבלת שבת וואס אונז טוען. אונז האבן א געוויסע סדר וואס די מקובלים האבן געמאכט אסאך שפעטער. דער בריסקער רב פלעגט זיך פירן יעדער ערב שבת פאר מעריב, ער איז ארויסגעגאנגען פון פארטש, געזאגט "בואי כלה", געזעצט, און געקומען צוריק. יא, ער זאגט אפילו "בואו ונצא לקראת שבת המלכה", ס'איז די לשון פון רבי חנינא. און אויך די רשב"א איז מקיים מתעטף, ער האט זיך אנגעטוהן א טלית, וואס איז אן ענין פון מתעטף. אדער ווייסטו, ער גייט א קאפל, ער גייט אן אפילו נישט א בעקיטשע, איז ער דארט מסתפק.

**דיון: וואס איז די כבוד שבת אין בגדים?**

אקעי, דער וואס גייט 24 שעה מיט א רעקל, ער דארף עס האבן צוזאמען מיט א בעקיטשע. איינער וואס גייט נישט איבער קעפ דווקא מלבוש עליון, איז ער יוצא מסתפק מיט די בעקיטשע.

און דער וואס א גאנצע וואך איז ער בכובד ראש, שבת דארף ער ממש אויסקוקן אזוי ווי דער בריסקער רב.

אקעי, איזהו עונג?

ס'זעט דא אויס ווי מ'דארף טאקע טון עפעס וואס איז מער שבת ווי אין די וואך, אזוי ווי ער האט געזאגט אז דער אדם גדול טוט עפעס וואס ער טוט נישט געווענליך. אה, אחר. סאו פון דעם לערנט מען זיך אז מ'זאל א גאנצע וואך נישט גיין שפארן.

אויף די משלשל בגדיו, ס'זאל נישט אויסקוקן אזוי ווי די וואכן. ס'זאל זיין עפעס ספעציעל. פאר דעם טאקע איז דא בעקיטשעס מיט ספעציעלע פיש וכדומה. אקעי, דאס איז עונג שבת, אבער בסדר. מ'לייגט א ווייסע טישטוך. די ווייסע טישטוך איז אויך כבוד שבת, נישט עונג שבת.

און אויך די עסן פאר שבת. איינס איז אז מ'זאל זיין הונגעריג, די אנדערע איז אויך מסתם, אויב האסטו א שיינע סעודה פרייטאג, מיט וואס איז ניכר די שיינע סעודה פון שבת? אפשר וועגן דעם איז עס אן ענין פון כבוד.

**הלכה ז' — איזהו עונג שבת?**

אקעי. עונג שבת, זאגט דער רמב"ם, איזהו עונג? וואס איז דאס די עונג וואס די חכמים האבן געזאגט? אפשר מיינט עס אזוי, זה שאמרו חכמים, דאס הייסט, די חכמים זאגן נישט קלאר וואס איז כבוד און וואס איז עונג, אבער יעצט אז דו ווייסט אז ס'איז דא די צוויי זאכן, דאס וואס די חכמים זאגן אז מ'דארף טון די זאכן, דאס איז עונג, און דאס פריערדיגע איז כבוד.

די גמרא אליין, כל המענג את השבת, אין די זעלבע פלעצער וואו מ'רעדט וועגן די אלע סעודות נוצט מען די לשון מענג. יא, יא. זיי האבן געמיינט די ענין אין דעם.

דער רמב"ם האט עס צוטיילט אין צוויי. ער זאגט, **זה שאמרו חכמים**, דאס וואס מ'זעט די חכמים זאגן אין די גמרא, **אז שצריך לתקן תבשיל שמן ביותר**, זאלן אנגרייטן א גוטן פעטן תבשיל. ביותר מיינט מער ווי געווענליך געוואוינט. **ומשקה מבושם**, און א גוטע שמעקעדיגע משקה לשבת.

**דיון: וואס מיינט "משקה מבושם"?**

אזוי, גראדע האט אונז געזאגט אז מבושם דארף מען דוקא א רייכע יין, און מ'איז יוצא מיט דעם. פאר די קידוש. אבער...

אקעי, אבער "משקה מבושם" מיינט אזוי ווי די זעלבע זאך ווי "תבשיל שמן", גוטע מאכלים, גוטע משקאות. אזוי... אה, מבושם מיינט נישט דווקא פארשמעקט.

**ביאור "משקה מבושם"**

**Speaker 1:** א גוטע טרינק. ער האט אונז גראדע געזאגט אז "מבושם" איז נישט דווקא יין לבן, די רייעך פון חומץ מאכט מען א ברכה פאר די קידוש. אבער אקעי, "משקה מבושם" מיינט אזוי ווי די זעלבע זאך ווי "תבשיל שמן", א גוטע מאכל און א גוטע משקה.

אה, "מבושם" מיינט נישט דווקא פארשמעקט, ס'מיינט גוט. אזוי ווי מ'זאגט "מבושם", און ס'שטייט "משיב נפש ופוקח", ליינסט די לשון "מבושם". "מבושם" מיינט עפעס וואס גייט מאכן פרייליך, ווייס איך וואס "משיב נפש ופוקח" וואס טייטשט. אקעי.

**"הכל לפי ממונו של אדם"**

**Speaker 1:** **"הכל לפי ממונו של אדם"**. ס'זאל זיין שמן, וואס טייטש "ביותר"? "לפי ממונו של אדם". איינער וואס געווענליך עסט נאר טשיקן, איז שבת זאל ער האבן עפעס בעסער. אבער "לפי ממונו של אדם" מיינט צו זאגן אז די חיוב, וויפיל, ווי טייערע פלייש דארף מען קויפן, לויט וויפיל א מענטש קען עפארדן. דאס פסק'נט דער רמב"ם. דאס איז נישט נערוועגן וואס דו קענסט עפארדן, רייט? **"וכל המרבה"**.

**Speaker 2:** ניין, איך האב געטראכט אז די "ביותר" וואס ער זאגט מיינט צו זאגן אז ס'זאל זיין מער ווי אין די וואכן, און די שיעור איז לויט וויפיל... לויט דיין גבול. דאס הייסט, די עושר פאדערט מען מער, ווייל אין די וואכן עסט ער דאך גרויסע פלייש.

**Speaker 1:** יא, אבער דער רמב"ם ברענגט נישט דאס. ער גייט שפעטער זאגן אזעלכע זאכן, אבער דא רעדט ער נאך נישט פון דעם. דא רעדט ער נאך נאר פון דעם אז די שיעור, ווי א פענסי זאך דארפסטו האבן, לויט וויפיל דו קענסט עפארדן.

איך מיין אז דאס איז נישט סתם אזוי ווי בדיעבד, איינער האט שוין געלט דארף ער נישט. דאס איז לכתחילה. די שיעור עונג איז "יקנה איש ואיש לפי מה שיוכל".

**Speaker 2:** ניין, און דער וואס האט נישט דארף אויך טון אביסל מער ווי אינמיטן וואך, ער דארף זיך אנשטרענגען.

**Speaker 1:** דאס איז נאך א זאך, דאס האבן מיר געזען. יעצט רעדט מען נישט פון יענע הלכה, דאס זאג איך. יעצט רעדט מען פון די עצם שיעור, די ענין פון בדיעבד, אז ער האט ממש גארנישט, איז דאך דארף ער טרעפן עפעס אן עצה. יעצט רעדט מען אז די שיעור עונג איז, וואס איז א שיינע סעודה? די שיעור איז וויפיל דו קענסט עפארדן.

**"וכל המרבה הוצאות שבת"**

**Speaker 1:** **"וכל המרבה הוצאות שבת ומתקן מאכלים רבים וטובים"**, סיי הוצאות מיינט הוצאות פון געלט, אדער די ארבעט פון מחלה

מרבן, דארף שטיין אויף די פיס און רייבן פאטעטאס.

**Speaker 2:** יא, אבער איך זאג, ער רעדט דאך פון הוצאות שבת, וואס מיינט געלט.

**Speaker 1:** "תקנת מחלה מרבן טובה" מיינט אז דאס איז אויך אן עונג שבת. ס'איז לפי ממונו, אבער ווי מער איז אויך משובח. דאס הייסט, ער שטרענגט זיך אביסל אן, אדער ער קויפט מער ווי וואס ער וואלט געקויפט ווען ס'איז נישט קיין שבת וכדומה.

#### עני וואס האט נישט

**Speaker 1:** ער זאגט, **"אם אין ידו משגת"**, ער קען נישט אויף די לעוועל פון "תבשיל שמן ומשקה מבושם", ער האט נישט קיין געלט. **"אפילו עשה שלק"**, שלק מיינט זופ, ער האט געמאכט עפעס א זופ פון וועדזשטעבלס מיט וואסער, **"כדי לענג את השבת"**, ער האט דאס געטון משום כבוד השבת, **"הרי זה עונג שבת"**, ער האט יוצא געווען עונג שבת. **"ואינו חייב להוציא לעצמו"**, און דער חיוב גייט נישט אזוי ווייט אז ער זאל זיך דארפן אליין ווי טון און זיך אריינלייגן אין אן ענגשאפט, **"וללוות מאחרים"** - בארגן געלט, **"כדי להרבות במאכל שבת"**. ער דארף נישט בארגן, ער טאר נישט בארגן, כדי צו קענען עסן די מאכלים שבת.

#### דיון: וואס מיינט "כדי לענג את השבת"?

**Speaker 2:** ער זאגט נישט אז ער דארף טון מער ווי אייביג. ער זאגט אז אפילו ער מאכט א פשוט'ע זאך, אבער ס'איז לכבוד שבת, האט ער יוצא געווען עונג שבת, ער דארף זיך נישט מוטשען.

**Speaker 1:** איך בין נאר סטאק אויף די ביאור, אבער ער האט עס געטון משום כבוד השבת, עפעס וואס ער וואלט נישט געטון. אויב ער עסט יעדע נאכט א שלק, האט ער נישט געטון עפעס ספעציעל.

**Speaker 2:** ניין, איך זאג, אפילו "עשה", ער האט געטון עפעס מער ווי געווענליך. ער עסט ברויט, און יעצט האט ער זיך אנגעשטרענגט און געמאכט א זופ, ער האט עס געטון משום כבוד השבת, דאס איז עונג שבת. איך ווייס נישט פונקטליך וואו ס'שטייט דא, אבער אזוי זעט מיר אויס.

#### "עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות"

**Speaker 1:** אמרו חכמים ראשונים, אבער ס'זעט אויס אז דער רמב"ם גייט פארקערט. אמרו חכמים ראשונים אז מ'זאל טאקע נישט בארגן געלט צו קענען מאכן שבת, אזוויי ס'שטייט **"עשה שבתך חול"**. "עשה שבתך כחול", די גמרא זאגט אזוי, "כחול" מיינט אז מ'זאל נישט האבן קיין גרויסע סעודות אדער קיין דריי סעודות, נאר צוויי סעודות, ווי מיר געדענקען לעצטע וואך. **"ואל תצטרך לבריות"**, אז מ'זאל נישט דארפן צוקומען צו בעטן אדער בארגן. ס'זעט אויס אז דער רמב"ם האלט אז "ואל תצטרך לבריות" מיינט נישט דווקא בעטן, ס'מיינט אויך בארגן הייסט "תצטרך לבריות".

#### דיון: וואס מיינט "ללוות מאחרים"?

**Speaker 2:** ער זאגט נישט גארנישט וועגן... ביי די ווערי, ס'שטייט נישט דא גארנישט וועגן בארגן. איינער האט גזאגט "ללוות מאחרים".

**Speaker 1:** "ללוות מאחרים" מיינט בארגן געלט. מען דארף נישט בעטן עניטינג. ס'איז נישט "לוויתי" ווי ס'שטייט דאך. ס'איז נישט אזוי ווי איינער בעט א הלוואה, ער בעט געלט, וואטעווער ס'איז.

#### דיון: די פסק למעשה איבער "עשה שבתך חול"

**Speaker 2:** נו, למעשה, וואס איז די פסק איבער דעם "עשה שבתך חול"? דער באקאנטער טור, נאר וואס...

**Speaker 1:** יא, ער האט זיך געמוטשעט, אבער די הלכה למעשה, מען דארף נישט קויפן וויפיל מען האט נישט.

**Speaker 2:** סאו, דער טור זאגט אז זיין טאטע דער רא"ש האט נישט געוואלט זאגן...

**Speaker 1:** ניין, ער האט נישט פאר יעצט. ער האט נישט געוואוסט צו וואס ער זאל קויפן מער פאר שבת, ער האט נישט געהאט קיין געלט.

### הלכה ח — שלש סעודות

**Speaker 1:** יעצט לערנען מיר... יעצט איז פארקערט. דאס הייסט, ביז יעצט האבן מיר געלערנט וואס איז מיט איינעם וואס האט צו ווייניג, איז ער יוצא מיט גארנישט, בעיסיקלי. "עשה שבתך חול" ווייל "אל תצטרך לבריות". אבער...

#### דיון: די קשיא פון טור אויפן רמב"ם

**Speaker 2:** פארוואס זאגט דער רמב"ם? איך וויל זאגן, דער רא"ש, דער טור'ס פראבלעם הייבט זיך אן אין רמב"ם. דער רמב"ם זאגט קיינמאל אז מען דארף עניטינג טון. פארשטייסט וואס איך זאג? דער רמב"ם זאגט קלאר אז ס'איז לפי ממונו, און אויב האט מען נישט, האט מען נישט. ער מאכט נישט גארנישט אנדערש.

**Speaker 1:** איך רעד נישט פון ווי, אבער "עשה שבתך חול" מיינט אז אין די וואכן עסט מען צוויי סעודות, שבת... אפשר איז דאס פסח, איך געדענק אזא זאך, אז די תמחוי שטעלט געווענליך צו צוויי סעודות, און דאס איז די בעיסיק וואס מען גיט פאר יעדן מענטש. שבת בעט מען א דריטע סעודה. איז "עשה שבתך חול" ווייל "אל תצטרך לבריות".

אבער למשל ביי פסח בעט מען יא, ווייל דעמאלט איז דא א מצוה וואס מען דארף צושטעלן. סאו, ער האט נישט, מוז מען בעטן. דעמאלט איז א מצוה פאר די... דעמאלט איז די קופת הצדקה זאל צושטעלן. שבת זעט מען אז ס'איז נישט דא א חיוב אז די קופת הצדקה זאל צושטעלן א דריטע סעודה. ס'איז דא זאכן וואס די קופת הצדקה דארף צושטעלן, און ס'איז דא זאכן וואס נישט. דער מענטש דארף נישט... ס'איז דא זאכן וואס יא. למשל, לעכט, דארף ער יא בעטן, רייט? דער רמב"ם האט דאס שוין געזאגט פריער.

דער רמב"ם גייט קלאר זאגן דא שפעטער ביי שלש סעודות, ער האט אפילו אן ענין וואס די מפרשים זאגן, סוד שלש סעודות. סאו, דארט וועלן מיר שטיין אין אפאר אלפים סעריע.

וואס מיר לערנען יעצט איז וועלכע עסן צו עסן. לויט ווי דער רמב"ם פסק'נט, איז נישטא קיינמאל קיין חיוב צו קויפן מער וויפיל מען קען פארדינען. איך מיין אז דער טור האט געהאט א פראבלעם ווייל ער האט געהאלטן אז ס'איז יא דא אזא ענין אויף געוויסע אופנים, משא"כ לויט דעם רמב"ם. דער רמב"ם האט נישט געפסק'נט קיינע פון יענע זאכן. ער איז געווארן צעמישט צו ער איז וועלכע בגדר ער איז, אבער דער רמב"ם שטייט אז מ'דארף נישט גארנישט.

**Speaker 2:** מ'דארף נישט, אבער מ'זאגט ער זאל זיך מחמיר זיין אז מ'זאל נישט.

**Speaker 1:** ס'איז ענדערש נישט. קודם זאגט ער אז מ'דארף נישט, און נאכדעם זאגט ער אז ס'איז טאקע בעסער נישט. נישט אמאל אפשענעל, אז ס'איז נישט.

#### עשיר וואס עסט אלעמאל גוט

**Speaker 1:** יעצט איז דא א פארקערטע פראבלעם. וואס איז אויב איינער עסט אלעמאל גוט, אזוי ווי אונז? וואס איז די עונג ועושר? וויאזוי קען ער מאכן אנדערש פאר שבת?

**"וכל המענג את השבת"** - דאס זענען די אידן וואס זענען אייביג שבת, **"עושה כל ימיו חג"**.

**Speaker 2:** ניין, שבת.

**Speaker 1:** **"צריך לשנות מאכל שבת ממאכל החול"**. ער זאל עט ליעסט טוישן די מאכל פון שבת פון די מאכל החול. אזוויי מיר האבן געהאט לגבי די מלבושים, אז אויב גייט ער מיט די זעלבע מלבושים זאל עס אויסקוקן אנדערש.

**Speaker 2:** ניין, דארט האט ער עס ווייטער געברענגט פון אן ארעמאן.

**Speaker 1:** דא גייט ער א פארקערטע פראבלעם, ער עסט אלעמאל גוט. זאל ער האבן עפעס א ספעציעלע מאכל וואס ער עסט נאר שבת און נישט אין די וואכן.

**"ואם אי אפשר לשנות, ישנה על כל פנים זמן אכילתו, אם היה רגיל להקדים יאחר, ואם היה רגיל לאחר יקדים".** ס'איז נישט קיין חילוק, ס'זאל זיין אנדערש. דאס איז אלעס דינים אין עונג. דאס איז נישט קיין חילוק אין די חלק העונג, אבער ס'איז נאר ניכר אז ס'איז שבת. ס'איז א דין אין די סעודת שבת.

**דיון: צייט פון אכילה ווי א דין אין עונג**

**Speaker 2:** יא, יא, אקעי, קודם דער רמב"ם האט נישט געברענגט קיין סדר אכילה פון די כבוד.

**Speaker 1:** אבער אויך, איך מיין אז ס'מאכט עס פילן אנדערש. מ'עסט, למשל, ערב שבת עסט מען פריער, אדער שבת עסט מען שפעטער, וואטעווער, ס'איז נישט קיין חילוק. די עיקר איז אז ס'איז אנדערש, ס'איז שבת'דיג. ס'מאכט עס שבת'דיג, נישט סתם וואס מ'זאגט א סאפער.

**הלכה ט — חיוב שלש סעודות**

**Speaker 1:** יעצט זאגט דער רמב"ם די עיקר מצוה פון סעודת שבת, ס'איז אויך א דין אין עונג: **"חייב אדם לאכול שלש סעודות בשבת".** דאס איז די לשון "חייב". חייב מדין דברי סופרים. **"אחת ערבית, ואחת שחרית, ואחת במנחה".** איינס בכניסת השבת, און איינס צופרי, און איינס במנחה פאר צאת השבת, אזויווי ער האט פריער געזאגט אז בצאתו.

**"וצריך להזהר בשלש סעודות אלו לא יפחות בהם כלל",** ער זאל קיינמאל נישט מאכן ווייניגער ווי די דריי סעודות. זאגט דער רמב"ם, **אפילו עני המתפרנס מן הצדקה,** סעודת שלש סעודות, ער זאל אויך עסן דריי סעודות.

פריער האט דער רמב"ם געזאגט אז אויב איינער דארף נאכנישט אנקומען צו בריה, זאל ער נישט. אבער איינער וואס ער לעבט פון צדקה, ער איז א עני המתפרנס מן הצדקה, ער האט אויך די מצוה פון שלש סעודות. נו, אויף וועמען גייט ארויף דאס תיקון? עס גייט ארויף אויף די גבאים, די וואס שטעלן אים צו די צדקה, זיי זאלן וויסן אז די עני איז סועד שלש סעודות, און ער האט נישט קיין צווייטע. דו שטעלסט אים צו, די מצוה איז אויף דיר.

**דיון: איינער וואס האט נאר אויף צוויי סעודות**

**Speaker 2:** אה, סא זאגסטו אז אויב איינער האלט פונקט אינצווישן, ער האט גענוג געלט אויף צוויי אבער נישט אויף די דריטע, דעמאלטס דארף ער נישט, ווייל דעמאלטס איז עס עשה שבתך חול. אבער אויב ער איז שוין לכתחילה מתפרנס מן הצדקה, קויפט מען אים אפשר דריי. אינטערעסאנט.

**חולה מרוב אכילה או מתענה**

**Speaker 1:** ואם, אבער ער זאגט דער רמב"ם, **ואם היה חולה מרוב אכילה,** אויסוי. דער רמב"ם, די אלע דינים אין סעודת שבת איז נישט א גזירת הכתוב מילה וואס מען מוז זיין א כזית, עס איז נישט אזוי ווי עסן מצה וואס מען מוז עסן מצה. ס'איז אן ענין פון אזוי איז מען מענג, דאס איז די דרך העולם פון מענג זיין און הנאה האבן. אבער אויב דער מענטש איז דער מין מענטש וואס פארקערט, עסן מאכט אים קראנק, או שהיה מתענה, אדער ער האט יעצט א תענית פון דוקא זיין בתענית פאר אנדערע סיבות, דעמאלטס וואס? איז ער פטור משלש סעודות.

**Speaker 2:** מעג פאסטן שבת?

**Speaker 1:** מעג. דער רמב"ם זאגט שוין מעג נישט.

**דיון: וויאזוי מאכט דער חולה עונג?**

**Speaker 2:** און וויאזוי מאכט ער עונג, דער חולה?

**Speaker 1:** דער רמב"ם זאגט נישט. דאס איז זיין עונג, אז ער זיצט ביים געגרייטן טיש, אדער ער ווייסט וואס זאל ער מאכן, עפעס אנדערש ווי די וואך. אפשר איז ער נישט אזוי אין קאווטד. איך מיין, דאס איז זיין עונג העלפט נישט, ווייל ער דארף זיין אנדערש, ער דארף פאסטן אנדערש ווי ער פאסט א גאנצע וואך.

**Speaker 2:** יא, אזוי ווי ער האט אנדערע מלבושים.

**Speaker 1:** ער גייט אנגעטון אין שבת'דיגע, אבער מיט די סעודה איז נישט שייך, איך מיין ס'איז נישט שייך.

**יסוד: סעודת שבת איז נישט א גזירת הכתוב**

**Speaker 1:** די פוינט וואס דער רמב"ם זאגט איז, אז ס'איז נישטא קיין שום חיוב זיך צו אנשטרענגען צו עסן סעודת שבת. סעודת שבת קומט ווען ס'איז מענג, און ווען ס'איז געשמאק. אויב ס'איז איינעם אביסל שווער, ער האט שוין געגעסן צופיל, ער קען נישט עסן אזויפיל, וכדומה, איז ער פטור. ס'איז נישטא קיין שום...

**דיון: מען דארף נישט ארייננצווינגען די קינדער**

**Speaker 2:** סא, מען דארף נישט ארייננצווינגען די קינדער.

**Speaker 1:** אפשר אליינס אליינס פון געגאכט נישט. אליינס פון פשט.

**Speaker 2:** ניין, ס'איז דא זייער אסאך מענטשן וואס קומען אין שול אין די ווינטער ביי למשל שלש סעודות, ער האט יעצט געענדיגט זיין טשולענט, און ער וואשט זיך.

**Speaker 1:** ס'איז נישט קיין שום ענין, ער איז נישט מקיים גארנישט. ער איז נישט יוצא וועגן סעודת לילה, דאס איז נישט. ס'איז נישט אפשר סתם, מ'דארף נישט. אבער איינער וויל, ער שטייט אז ס'איז אן ענין פון שלש סעודות, און מ'דארף נישט.

**Speaker 1:** נאך אן הלכה וואס שרייבט דער רמ"א,

**המשך דיון: שלש סעודות אין ווינטער — אכילה גסה און חולה מרוב אכילה**

**Speaker 1:** סאו מ'דארף נישט ארייננצווינגען די קינדער וכדומה, ס'איז זיין... מ'דארף זיך אליינס צווינגען אויכעט נישט. פשוט.

ניין, ס'איז דא זייער אסאך מענטשן וואס קומען אין שול אין די ווינטער ביי שלש סעודות, ער האט געענדיגט זיין סעודה, און ער וואשט זיך. ס'איז נישט קיין שום ענין, ער איז נישט מקיים גארנישט. ער איז נישט יוצא וועגן אכילה גסה איז אן איסור דאורייתא. מ'דארף נישט. אבער איינער וויל, ער ווייסט אז ס'שטייט אז ס'איז אן ענין פון שלש סעודות, ער ווייסט נישט אז מ'דארף נישט.

נאך א הלכה וואס דו זאגסט, די חולה ורוב אכילה, ער זאגט נישט אזוי, ער זאגט אפשר אביסל א שטערקערע לשון. יא, אבער ער וויל דאך דא זאגן פטור פון אלע דריי סעודות. נאכאמאל, ס'איז גערעכט אז ס'איז נישט קיין שום ענין זיך צו מוטשען.

איך וועל דיר זאגן, דער איד וואס קומט ביי שלש סעודות און ער זאגט אז ער וויל בעסער אויסשטעלן זיין טאג, וואס איז דא א מצוה פון שלש סעודות, ער עסט אביסל ווייניגער צופרי, ער עסט אביסל פריער, ער כאפט א שפאציר. אויב ס'איז אין די ווינטער און ער דאווענט חסידישע מנינים, מ'ענדיגט איינס אזייגער שחרית און פיר אזייגער דאווענט מען שוין מנחה, ס'איז נישט מעגליך. ער זאגט אז מ'זאל עסן א קלענערע סעודה כדי צו קענען עסן שלש סעודות. אין צוויי שעה ארום גייט ער זיך געזעצן, ווייל דעמאלטס גייט ער זיין הונגעריג, און דעמאלטס גייט שוין זיין זעקס. דו זעסט אז ס'איז זייער קורץ, אבער די דריי סעודות איז ווייטער ענין שם.

דו זעסט דאך, אינמיטן די וואך איז דער דרך העולם אז מ'עסט נאר צוויי סעודות. אזוי זעסטו דאך מיט די גבאי צדקה, מ'געבט נאר צוויי. יום טוב איז יא דא עפעס אן ענין צו עסן דריי סעודות. זייער גוט, פאר מיר זינגערעקט מער, וואס די ענין איז נשמה יתירה. ס'שטייט נישט אז נאר אין די זומער איז דא די מצוה. ס'שטייט יא, ס'איז קלאר אז ס'שטייט דא. אין די הלכה שטייט אז נאר אין די זומער איז דא א מצוה פון שלש סעודות, ווייל אין די ווינטער איז יעדער איינער חולה מרוב אכילה, און איך ווייס נישט פארוואס מ'זאל זיך דארפן מוטשען.

**Speaker 2:** מיר זענען נישט מסכים.

**וצריך לקבוע כל סעודותיו שלשתן על היין**

**Speaker 1: וצריך לקבוע כל סעודותיו שלשתן על היין.** די אלע דריי סעודות זאל מען קובע זיין על היין. מ'דארף מאכן קידוש ביי שלש סעודות?

**Speaker 2:** ער זאגט אז מ'דארף מאכן קידוש.

**Speaker 1:** מ'דארף קובע זיין על היין. ביי די צוויי סעודות איז שוין דא קידוש. ס'איז נישט קיין דין קידוש, מ'זאגט דאך בורא פרי הגפן, מ'האט גראדע צוגעלייגט דארטן אין די סדר הזמירות, אזויווי די שבת צופרי. אבער דריי מאל זאל מען זאגן? קידושא רבא מיינט פאר מען עסט. טרינקט מען א כוס ווין, אבער סעודת שלישית איז נישט פאר דעם.

אויב איינער גייט אין א שול וואו מ'געבט נישט ווין ביי סעודה שלישית, למשל, זאגט דער רמ"א אז מ'דארף. **וצריך שתי ככרות,** אלע ברכות זאל זיין אויף שתי ככרות. דער רמ"א זאגט נישט דעם טעם, אבער לכאורה איז עס אן ענין פון עונג, ס'זאל זיין א ברייטקייט, מ'זאל וויסן אז ס'איז דא א ברייטקייט.

ס'איז א רמז פון די מן, "וחיים טובים", אזוי אויך יום טוב וואס איז דא בלחם, מ'דארף מאכן על היין, און ס'איז משמע אז אין די יום טוב'דיגע טעג מאכט מען דריי סעודות. אזוי זאגט ער. איך ווייס נישט וואס איז ממש משמע. ווי שטייט עס? "וחיים טובים" גייט ארויף אויף די שתי ככרות. אפשר גייט עס ארויף אויף די גאנצע סעודה, אויף די גאנצע זאך? ס'איז נישט אזוי. אויב דו ביסט זיכער, ביסטו זיכער. מ'דארף קוקן נאך אין יום טוב, אין יום טוב שטייט שוין אז דריי סעודות. אקעי, איך ווייס נישט. קען זיין אז זיי האלטן אזוי, אבער איך ווייס נישט. איך מיין, אויב מ'איז הונגעריג זאל מען עסן, אויב נישט, נישט. וואס איז די פראבלעם?

דער בית יוסף האט עפעס פארשטאנען אז דער רמ"א האט געמיינט צו זאגן אז מ'דארף עסן יום טוב אויך דריי סעודות.

**Speaker 2:** ווער, דער גר"א?

**Speaker 1:** דער בית יוסף האט פארשטאנען אז דער רמ"א מיינט דא צו זאגן אז מ'זאל עסן דריי סעודות יום טוב. נישט קלאר.

**הלכה י: אכילת בשר ושתיית יין בשבת עונג לו**

**Speaker 1:** אקעי, יעצט נאך אזוי ווי איין פרט פון הלכות שבת, פון עונג שבת. דער רמ"א זאגט, **אכילת בשר ושתיית יין בשבת עונג לו.** דאס האט ער דאך געזאגט שוין בעצם מיט א מאכל שמן ביותר און יין המשומר.

**Speaker 2:** יא, אבער ס'איז נישט געווען אזוי קלאר, ער האט גערעדט דארטן מער איבער רמזים.

**Speaker 1:** א משקה מבשם וואס האט געטראפן ווין, און א מאכל שמן ביותר האט געטראפן לחם. האט ער יעצט געזאגט "שלא לקבוע על היין" דעמאלט.

**אכילת בשר ושתיית יין בשבת עונג לו, ואם אין ידו משגת, י"א שפטור.** נאכאמאל די זעלבע זאך, אויב מ'האט נישט איז מען פטור.

**Speaker 2:** ווער? בשר?

**Speaker 1:** אה. נאכאמאל די זעלבע זאך, ער האט עס שוין ממילא געזאגט. איך וויל צולייגן די נוסח פון די בראטן וואס ער גייט די איסורים, די גבולים וואס ער לייגט אראפ. ער זאגט אזוי, **ואסור לקבוע סעודה על היין בשבת ויום טוב בשעת בית המדרש.** ס'מיינט נישט אז מ'קען טרינקען גאנץ שבת און זיך שיכור'ן אנשטאט דאווענען. נישט אנשטאט דאווענען, אנשטאט לערנען. ער זאגט "בשעת בית המדרש". אז מ'האט דא א שיעור שבת נאכמיטאג, דעמאלט טאר מען נישט עסן.

**סדר הצדיקים – דער רמב"ם'ס סדר היום פון שבת**

**אלא כך היא מנהג הצדיקים.** דער רמב"ם האט שוין פריער אין פרק כ"ט געזאגט נאך עפעס מיט לומדי שבת אין ביהמ"ד, לערנען כתובים, לערנען אנדערע זאכן, לערנען אנדערע מסכתות, מ'דארף לערנען אין ביהמ"ד. אלא כך היא מנהג הצדיקים. מ'דארף גיין אין ביהמ"ד צו די שיעור, יא יא, נישט לערנען אין דערהיים. אלא כך היא מנהג הצדיקים, ס'איז אן אינטערעסאנטע לשון. ווייל אלע חסידישע אידן טוען שבת אין ביהמ"ד. מנהג הצדיקים, זיי ווילן דאך וויסן וואס די צדיקים טוען.

ווייל פשוט'ע אידן שבת מאכט זיך יא אסאך מאל אז ער מאכט די סעודה ביי זיך אין ביהמ"ד. זאגט דער רמב"ם, איך וועל דיר זאגן די סדר הצדיקים, וויאזוי איך האב געזען ביי די פריערדיגע צדיקים וויאזוי זיי פירן זיך שבת. **מתפלל אדם בשבת שחרית ומוסף בבית הכנסת, ויבוא לביתו ויעשה סעודה שניה,** ער זאל עסן די צווייטע סעודה, די צופרי סעודה, **וילך לבית המדרש,** ער זאל צוריקגיין אין ביהמ"ד נאך די סעודה, פאר די דרימל, נאך די דרימל, איך ווייס נישט. ער זאל נישט קיין דרימל, אדער דער רמב"ם האט נישט קיין דרימל? **יקרא וישנה עד המנחה. וילך לבית המדרש, יקרא,** ער זאל לערנען, **וישנה,** ער זאל אויסלערנען די שיעור, יא. תורה שבכתב, תורה שבעל פה. יקרא, ער לערנט אביסל קורא בתורה, וישנה, ער הערט די דרשה, **עד המנחה. ויתפלל מנחה,** און נאכדעם זאל ער אהיימגיין, אדער ער זאגט נישט אהיימגיין. **ואחר כך,** ער זאגט נישט ויבוא לביתו, ער בלייבט צו סעודה. **ואחר כך קובע סעודה שלישית על היין.** אינטערעסאנט, ער זאגט נאכאמאל יין, ער זאגט קובע סעודה שלישית על היין. **ויאכל וישתה,** ער האט שוין ווייטער א פראבלעם, ווייל ער איז זאט.

**Speaker 2:** ניין, ער מיינט צו זאגן, ווייל די צווייטע סעודה האט ער שוין געזאגט פריער אז מ'דארף מאכן קידוש מיט יין.

**Speaker 1:** די שלישית על היין זאגט ער עס נאכאמאל, צו געדענקען אז מ'דארף מאכן על היין. **ויאכל וישתה עד מוצאי שבת.** דער ויאכל וישתה עד מוצאי שבת, ווייזט ער נאכאמאל די בציעותא, אז די סעודה זאל אנגיין ביז מוצאי שבת, דאס איז די כבוד. מ'גייט אוועק מתוך סעודה. איך מיין אז דאס איז די מוצאי שבת.

**Speaker 2:** נישטא. דער רמב"ם זאגט נישט אז מ'זאל נאכדעם עסן א פערדע סעודה. רייט?

**Speaker 1:** אזוי מיין איך. איך מיין אבער אז... ס'שטייט פון אלע זייטן, אויך וועגן דעם איז דא דער ברכת המזון און נאכדעם די הבדלה וואס מ'האט פריער גערעדט. ער זאל נישט צוריקגיין אין בית המדרש פאר מעריב. אפשר גייט ער? אפשר גייט ער נישט? דאס איז שוין נאך א נושא. פארשטייסט וואס איך זאג? צוריקגיין צו מעריב.

**דיון: קידושא רבא און ווין ביי אלע דריי סעודות**

**Speaker 1:** אקעי. עד כאן האבן מיר געלערנט בערך די כללות פון הלכות עונג וכבוד שבת. יעצט גייען מיר לערנען נאך אפאר דינים וואס האבן צו טון מיט עונג שבת, רייט?

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** דאס הייסט, אמת'דיג קענסטו זאגן איסורים מחמת עונג שבת וכדומה. ס'שטימט?

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** וואס איז נאך א פארט? לאמיר לערנען.

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** ווען דער רמב"ם האט געזאגט די קידושא רבא בשבת פריער, האט ער געזאגט יין?

**Speaker 2:** אוודאי. נאר אויף הבדלה האט ער געזאגט.

**Speaker 1:** דאס איז די גאנצע קידושא רבא.

**Speaker 2:** יא, יא. דאס שטייט קלאר אויף אלע דריי סעודות יין. ס'דא קידוש, און ביי צוויי מאל איז עס קידוש, און איין מאל... אפשר וועגן דעם זאגט ער "אחר כך שותה יין". וואס איז דא קיין קידוש?

**Speaker 1:** די וואס פירן זיך צו מאכן קידושא רבא אינדערפרי אויף בראנפן, דאס איז פשוט געבויט אויף די שיטות הראשונים אז אלע קידוש קען בעצם האבן חמר מדינה. ס'איז נישט דא אמת'דיג קיין חילוק פון

ביינאכט און אינדערפרי. ס'איז נישט דא אז ביינאכט דארף מען האבן וויין. ס'איז דא אן ענין פון א צווייטן קידוש וואס מ'מאכט זיך אמאל.

**Speaker 2:** יא, ער האט שוין געטון. ער דארף טרינקען וויין אלס עיקר פרסומי ניסא. אלע דריי סעודות, אמת. אלע דריי סעודות דארף מען טרינקען וויין. יא.

**הלכה יא: אסור לו לאדם שיהלך בערבי שבתות יותר משלש פרסאות מתחלת היום**

**Speaker 1:** אקעי. יעצט גייט דער רמב"ם אויסרעכענען נאך ענינים וואס האט צו טון מיט עונג שבת. אבער וואס מ'זאל נישט טון ווייל ס'שטערט די עונג שבת. ס'שטערט די מנוחה. די ערשטע זאך איז אזוי: **אסור לו לאדם שיהלך בערבי שבתות יותר משלש פרסאות מתחלת היום.** א מענטש זאל נישט ארויסגיין ערב שבת פון אנפאנג טאג, דאס הייסט פרייטאג זאל מען נישט גיין מער ווי דריי פרסאות אנצוקומען אהיים **בעוד היום רב. כדי...** דו טארסט נישט גיין... אה, כדי... פארוואס זאל ער נישט קומען אהיים? ווייל אונז ווילן אז ער זאל אנקומען אהיים ביי צייטנס.

פארוואס? מ'מעג ארויסגיין פון דערהיים אויף א שפאציר. מ'מיינט שוין דריי פרסאות אויף א שאלה לשפעות אוועק פון דערהיים. פארוואס? ווייל אונז ווילן אז ער זאל אנקומען אהיים ווען ס'איז נאך טאג, און ער זאל האבן צייט **להכין סעודה לשבת. שרייען אן אנשי ביתו יודעים שהיום יבוא כדי להכין לו.** דאס מיינט ער קומט אהיים. די גאנצע סיבה איז ווייל ער גייט אנקומען אהיים פלוצלינג, און ער גייט נישט האבן א סעודה, און מ'האט נישט אנגעגרייט פאר אים, ווייל מ'האט נישט געוואוסט אז ער איז אויפ'ן וועג אהיים. זאל ער זיין אין די צייט וואס לכאורה לויט דעם, די הלכה איז אפשר ווייניגער נוגע אין די היינטיגע צייטן ווען מ'איז מודיע אויפ'ן פאון און מ'ווייסט ווען ער קומט.

**Speaker 2:** אמת, אמת.

**Speaker 1:** אז ער זאל קענען אנקומען שטיין, ער זאל האבן צייט צו אנגרייטן א סעודה לשבת. ער ברענגט אז דער שולחן ערוך הרב זאגט אזוי. ער זאגט אז אין די היינטיגע צייטן גרייט יעדער איינער צו בריוח, דארף מען זיך נישט זארגן.

אינטערעסאנט. אבער אנשי העיר יכולים להחרים אז ווער ס'שטייט איין ביי אנדערע מענטשן זאל נישט אנקומען זייער שפעט. ווייל דעמאלטס, אויסער דאס וואס ער גייט נישט האבן א גוטע סעודה פון שבת, קומט אויך אויס אז ער גייט זיין מבייש, ער איז מבייש זיי, **שלא הכינו להם דבר הראוי לאורחים,** זיי האבן נישט אנגעגרייט א דבר הראוי לאורחים. און דער רמב"ם האט אויסגערעכנט אז איינער וואס עסט פון א סעודה שאינה מספקת לבעליה, ער פארשעמט זיי מיט דעם. ער איז מבייש זיי מיט די סעודה שאינה מספקת. מער אז יעדער האט יא, אבער... ער האט נישט צוגעגרייט.

**הלכה יב: אסור להתענות ולזעוק ולהתחנן ולבקש רחמים בשבת**

**Speaker 1:** וואס נאך טאר מען נישט טון וועגן ס'איז א פגם אין עונג שבת?

**אסור להתענות ולזעוק ולהתחנן ולבקש רחמים בשבת.** מ'טאר נישט פאסטן. דער רמב"ם האט יא פריער געזאגט אז איינער וואס פאסט... אבער דא מיינט מען פאסטן על הצרות, נישט איינער וואס ער רעזיסטירט זיך פון פאסטן האט ער עפעס א פלעזשור אין דעם. ער איז אין פאסטן שבת, און שבת אויך, יא. שבת אינקלודינג שבת.

**ולזעוק ולהתחנן.** "לזעוק" מיינט אפשר צום עולם, אזוווי אויסרופן זאכן וואס מ'דארף מתפלל זיין. ווען ער שרייבט דאס מיינט ער צום אייבערשטן. "לזעוק" מיט תפילה, אדער "לזעוק" מיינט אלארמירן וועגן א זאך? מ'דארף אלארמירן. איך ווייס, אז איינער גייט זאגן אז ס'גייט קומען וויכטיגע וואוטס, איך ווייס נישט וואס... ניין, ניין, ניין. "לזעוק" מיינט... דאס איז אלעס איין זאך. **להתענות, לזעוק, להתחנן, ולבקש רחמים** איז אלעס איין פעולה. מ'מאכט א יום תפילה. שבת איז נישט די צייט צו זיך זארגן אויף צרות און מתפלל זיין אויף צרות. וואס זענען די צרות וואס די הלכה זאגט אז מ'דארף ערנסט מתעסק זיין מיט די צרות, און אויף די צרות וואס שטייט אין מסכת תענית, אז **א ציבור מתענין ומתריעין עליהן,** וואס אויף דעם דארף מען פאסטן און בלאזן שופר, **אבל אין מתענין לא בשבת ולא ביום טוב,** מען טוט עס נישט שבת און יום טוב, מען טוט עס אין די וואכנטעג. זאגט ער יעצט, ס'איז דא ווען מען טוט עס יא. **עיר שהקיפוה גוים או נהר,** א שטאט וואס ס'וואוינען אידן וואס איז אין א סכנה ווייל ס'איז דא גוים,

**מתריעין בשבת על צרות**

ס'איז נישט בלאזן שופר? מתריעין. מתריעין איז בלאזן שופר. תרועה, יא. אדער שרייען, וואטעווער ס'איז, אלארמען די עולם, לעזור את עצמן, זיך צו העלפן, דאס מעג מען יא טון.

און דעמאלטס מעג מען אויך מבקש רחמים זיין. און ווען ס'איז אן עמערדזשענסי, דעמאלטס מעג מען מתפלל זיין און מבקש רחמים זיין.

מ'דארף פארשטיין דא די ענין, יא? וואס איז די שייכות? אן עמערדזשענסי וואס מ'דארף טון יעצט, מעג מען מתפלל זיין. אויב ס'איז עפעס וואס מ'קען עס אפשטופן, מ'זאל עס מאכן זונטאג. אויב ס'איז שבת, מ'דארף די אייבערשטער זאל העלפן שבת, דארף מען אים יעצט זאגן, אללא, ער גייט נישט ווייסן אז נישט.

די אלע זאכן וואס א ציבור מתענין ומתריעין עליהן אין די וואכן, מ'שרייט, ס'איז וויכטיג, אבער ס'איז נישט קיין עמערדזשענסי פאר היינט. ס'איז דא אן ענין, ווייל מ'וועט מאכן די תענית זונטאג וועט אויך זיין גוט, מאנטאג, וואטעווער, זונטאג מאכט מען אויך נישט. אבער לכל הפחות, אויב ס'איז ממש א דענדזשער פון יעדע סעקונדע, דא שטייט די גוי, דאס הייסט, ס'איז דא א תקופה וואס ס'איז א פראבלעם, ס'איז נישט די טאג איז אין א צרה.

**אין צרין על ערי גוים פחות משלשה ימים קודם השבת**

און יעצט נאך א הלכה, לאמיר זיך ענדיגן דא. יעצט נאך איין זאך, אז מ'טוט נישט ערב שבת, ווייל מ'וועט ווערן טרוד בשבת און נישט האבן קיין עונג שבת. יא?

אין צרה, ווען מ'דארף מאכן א מלחמה, מ'דארף ארומנעמען א שטאט פון גוים, **אין צרין על ערי גוים פחות משלשה ימים קודם השבת,** מ'הייבט נישט אן א מלחמה ווייניגער ווי דריי טעג פאר שבת. פארוואס? **כדי שיתיישב דעת אנשי מלחמה עליהם.** ווייל מיר ווילן אז די ערשטע פאר טעג פון א מלחמה איז זייער העפטיג, איז דראמאטיש, אנגעצויגן. מיר ווילן אז די מענטשן זאלן האבן א רואיגקייט, די אנשי מלחמה זאלן קענען זיין רואיג, **ולא יהיו מבוהלין וטרודין בשבת.** ווייל ס'איז דא אזא תקנה אז מ'זאל אנהייבן די מלחמה פריער.

זאגט ער, פאר די זעלבע סיבה, אז שבת זאל מען נישט זיין מבולבל וטרוד, און מ'זעט דא, ס'איז אינטערעסאנט אז די שיעור איז דריי טעג דווקא. ס'האט אפשר צו טון מיט דעם אז אבלות איז ביז דריי טעג, פון דריי טעג דארף מען זיך אנהייבן זארגן פאר שבת. איך מיין פשט איז נישט, ווייל פארקערט, דריי טעג איז גענוג אז מ'זאל זיך האבן בארואיגט. מ'איז שוין דריי טעג אויפ'ן וועג, האט מען זיך שוין צוגעוואוינט צו דעם. אזוי קלאר, דריי טעג איז אלעמאל ווי א חזקה.

**אין מפרשין בים הגדול פחות משלשה ימים קודם לשבת**

**אין מפרשין בים הגדול בספינה פחות משלשה ימים קודם לשבת.** פאר די זעלבע סיבה טאר מען נישט ארויסלאזן אויף א לאנגע וועג, א שיף, ווייניגער ווי דריי טעג פאר שבת, ווייל די ערשטע פאר טעג ווען מ'פארט אויף א שיף איז שווער, **כדי שתתישב דעתו עליו קודם השבת,** אז ער זאל זיך בארואיגן פאר שבת. דאס איז לויט די תורה יוצא מדעת.

זאגט די רמב"ם, מיר האבן שוין געלערנט פריער אין הלכות שבת, אז **לדבר מצוה מפליגין בים אפילו בערב שבת.** פאר א דבר מצוה מעג מען יא, אזוווי די אלע זאכן וואס מ'איז מתיר פאר א דבר מצוה, מ'איז מתיר געוויסע שבות'ן, איז נאך א מתיר דא אז מ'קען גיין אויף די ים אפילו ערב שבת.

און אזוי ווי מיר האבן שוין געלערנט, די פוסקים יום א' לשבת, אז מ'גייט אויף א שיף ערב שבת, דארף מען בעטן די בעל הספינה אז ער זאל נישט פארן שבת, אבער אפילו ער וועט נישט, אפילו אויב די בעל הספינה גייט אים נישט פאלגן, די עיקר איז אז ער זאל זאגן.

אבער נאך א היתר, אויב ס'איז א קורצע וועג, יא, **מצור לצידון**, די ווארט איז אז בעצם די גוי טוט עס בקבלנות, יא, די שיף-דרייווער באצאלט מען אים פאר'ן אנקומען. ס'איז נישט קיין אמת'דיגע איסור אז מ'טאר נישט.

**דיסקוסיע: פארוואס לכתחילה דארף מען זאגן?**

פארוואס לכתחילה דארף מען זאגן, געדענק איך נישט. דו האסט שוין געלערנט די הלכה?

ווייל ס'איז **מדבר דבר**. דו דארפסט נישט זאגן אז מ'גייט פארן, מ'גייט פארן אויף שבת. מ'גייט נישט פארן אויף שבת, יענער איז אין זיין ביזנעס צו פארן שבת.

אקעי, ער מיינט עס. א קורצע נסיעה אזוי פון צור צו צידון, מיטלאווליג בערב שבת, ווען ס'איז וויניגער. אזוי ווי פריער האט ער געזאגט וואס דריי פרסאות, אבער א קורצע נסיעה.

זיי זענען טייער און צידון, יא? ס'הייסט אזוי. צוויי שטעט זענען זייער נאנט. איך מיין אז ס'איז ווי א האלבע שעה צו וואקן אפילו, ס'איז מורא'דיג נאנט. זיי זענען ממש נאנט. אבער ס'איז דא אזעלכע פלעצער וואס שטעקן זיך ארויס אין ים, וואס די גרינגסטע וועג צו פארן איז אויפ'ן שיף, אבער ס'איז בעצם ממש נאנט.

**מקום שנהגו שלא להפליג בערב שבת כלל**, ס'איז געווען פלעצער וואו מ'האט מער מחמיר געווען, מ'האט אפילו נישט געפארן קורצע נסיעות. אפילו פליען, ס'איז א מנהג, ס'איז אן ענין פון מנהג, מנהג המקום.

**תשמיש המיטה בשבת**

אקעי, נאך איין מצוה וואס מ'קען מיינען אז מ'טוט נישט וועגן עונג שבת, אבער למעשה טוט מען עס יא עונג שבת.

זאגט דער רמב"ם, תשמיש המיטה, נישט נאר פאר דעם, איך וועל זאגן די הלכה, תשמיש המיטה איז עונג שבת. איך וויל נאר מסביר זיין די סטרוקטור, ווייל דאס איז, מ'קען דאך זאגן מ'טוט נישט וועגן עונג שבת, און דא זאגט ער מ'טוט גראדע יא, אבער ס'איז כדי להפיק דעם וואס זאגט אז ס'איז אן איסור, אזוי ווי ער זאגט. איך וויל נאר מסביר זיין די סטרוקטור.

דו וואלסט דאס געדארפט זאגן פריער, ווייל ס'איז א הלכה וואס ער לייגט צו ביי די ענד. ער האט נישט געוואלט שרייבן מאכן די סעודות, און ער האט נישט געוואלט... ער האט געוואלט צולייגן דעם ענין שפעטער. איך מיין פשוט, ער איז מסביר די סעודות.

זאגט דער רמב"ם, **תשמיש המיטה מעונג שבת הוא**, תשמיש המיטה איז א חלק פון עונג שבת, **לפיכך**, וואס טארסטו דאס טון עונג שבת? ס'איז פארט פון עונג שבת. אזוי ווי איינס פון די עונג, חוץ פון די סעודות, איז דאך תשמיש, ס'איז אויך א חלק פון עונג שבת. מה עונג שבת הוא? **לפיכך עונת תלמידי חכמים הבריאים**, די עונה, די מצות עונה, אין הלכות אישות איז דא ווען מצות עונה, ווי אפט. תלמידי חכמים וואס זענען געזונט און זיי האבן נישט קיין הגבלות, זאלן משמש זיין מיטותיהם **מלילי שבת ללילי שבת.** אויף שבת זאל זיין די תשמיש המיטה, דאס איז די מצות עונה.

רייט, דאס איז צוויי זאכן. מיר האבן געלערנט אז עונת תלמידי חכמים איז איינמאל א וואך, אבער וויבאלד ס'איז מעונג שבת, ממילא איז א תלמיד חכם, איז ער קובע אין שבת. קען זיין אז אן עובד כוכבים איז אויך א מצוה שבת, אבער נישט ער מוז טון צוויי מאל א וואך, אדער פועלים אדער אנדערע הלכות, וואטעוועך די סדר עונה איז.

וואלסטו געמיינט אז עפעס איז אומסור, אבער ס'וועט זאגן די ערשטע מאל בעילה, וועט דעמאלטס גיין דם בתולים, און דו וועסט זאגן אז ס'וועט זיין א ביסל צער, מעג מען אבער בועל זיין לכתחילה בשבת, ווייל **אומרים אין בו משום חובל**, מ'דארף נישט מורא האבן אז די דם בתולים גייט זיין א פראבלעם פון חובל. און די סיבה פארוואס נישט? ווייל די גמרא זאגט אז ס'הייסט נישט חובל, ווייל ס'הייסט נישט אזוי ווי מ'נעמט ארויס בלוט, ווייל די בלוט ליגט שוין דארט כנוס, דם מכונס, און ס'איז **אומרים אין בו משום צער**, מ'דארף אויך נישט חושש זיין פון דעם אז ס'מאכט איר צער. פארוואס נישט? ווייל למעשה האט זי אים ליב, דאס איז די תירוץ מן הסתם.

צער איז א זאך וואס איז אן עונג, איך קען זאגן אז ס'איז אן עונג, יא? ס'טוט איר אביסל וויי, אבער ס'הייסט נאך אלץ בכלל עונג שבת, אפשר האט די גמרא געוואלט קומען צו רעדן בכלל עונג שבת, ווייל זיי מאסקין צו דעם, ס'איז נישט קיין צער צו זאגן מ'זאל נישט טון שבת, ווייל ס'איז ממש א צער. אזוי זע איך אז ער ברענגט, אבער אזוי משמע אין די גמרא.

**מעלת שמירת שבת**

אקעי, עד כאן הלכות שבת, יעצט גייען מיר לערנען א שיינע דרשה פון די הייליגע רמב"ם אויף די גרויסע מעלה פון די מצוה פון היטן שבת.

זאגט די רמב"ם, **השבת ועבודה זרה**, די צוויי מצוות פון שבת און עבודה זרה, **כל אחת משתיהן שקולה כנגד שאר כל המצות**, די צוויי מצוות, יעדער איינער פון זיי איז די חשיבות שקול כנגד שאר כל המצות. דאס הייסט, ס'איז דא תרי"ג מצוות, תרי"א פון זיי זענען איינס, און נאכדעם שבת איז אזוי ווערט ווי די אנדערע תרי"א, און נאכדעם עבודה זרה איז ווערט אזוי ווי אלע אנדערע תרי"א, שטימט?

**והשבת היא האות שבין הקדוש ברוך הוא ובינינו לעולם**, שבת איז אויף אייביג אן אות צווישן הקדוש ברוך הוא און אונז אידן, און אונז מענטשן, שבת היא אות.

**לפיכך**, וויבאלד אז דו האסט די צוויי מעלות פון שבת, **לפיכך כל העובר על שאר המצות**, איינער וואס איז עובר אויף אלע אנדערע מצוות, **חוץ שבת ועבודה זרה**, ער טוט יעדער איינער פון די אלע תרי"א מצוות איז ער עובר, **הרי הוא בכלל רשעי ישראל**, ער איז בכלל רשעי ישראל, **אבל המחלל שבת בפרהסיא** איז הארבער, און אזוי ווי מיר האבן געשמועסט איז עס ענליך צו עבודה זרה, ס'איז א סארט אפיקורסות,ביידע זענען שקול, **הרי הוא כעובד עבודה זרה**, **ושניהם** פונקט ווי א עובד עבודה זרה, **כגוי לכל דבר.**

זאגט ער, א מחלל שבת כגוי לכל דבריו. ס'איז נישט קלאר להלכה. למשל, ער זאגט אז מורידין ולא מעלין וכדומה, אבער א מחלל שבת בפרהסיא איז נישט לגבי דעם כעובד עבודה זרה. ס'איז נישט קיין שטיקל פון הלכה. ער זאגט דא, ס'איז א סתירה, ער זאגט טאקע אראפגעקוקט להלכה, דארף מען אראפקוקן פונקטליך לגבי וואס דאס מיינט, ווען, לגבי וואס א מחלל שבת בפרהסיא איז יא ווי א גוי און לגבי וואס נישט.

פארשטייט זיך, ס'איז נישט קיין ממש א כלל דא, ס'איז מער, ער קומט דא מער פאר די אגדה, נישט פאר די הלכה. און אויך, ער זאגט נישט פארוואס שבת. ס'איז משמע פון די רמב"ם אז פארוואס ס'איז כגוי לכל דבריו? ווייל ס'איז א דבר חמור און ס'איז אן אות. ער זאגט נישט למשל ווייל שבת איז חידוש העולם, ער זאגט נישט די תירוץ וואס שטייט אין אנדערע מפרשים, ווייל שבת איז אויך עבודה זרה. ניין, ער זאגט אז ביידע זענען שקול. איך מיין די ווארט בפרהסיא איז די עיקר אויף די ווארט די אות. בפרהסיא האט ער צעשטערט די אות.

**שכר שמירת שבת**

**לפיכך**, זאגט די רמב"ם, **משבחין הנביאים ואומרים**, די נביאים משבחין די אידן וואס היטן שבת, און זיי זאגן אזוי, **אשרי אנוש יעשה זאת ובן אדם יחזיק בה שומר שבת מחללו** וגו'. אשרי אנוש, וואויל איז דער מענטש. ער זאגט נישט וואס וועט זיין מיט אים, ס'איז וואויל מיט אים, ס'איז א גרויסע שבח פאר דעם וואס היט שבת. אבער וואס באקומט ער יא?

**וכל המשמר את השבת כהלכתה ומכבדו**, איינער וואס היט אפ שבת כהלכתה און מכבדו - שבת כהלכתה מיינט די אלע מצוות לא תעשה, און מכבדו ועונגו, ער טוט די צוויי זאכן וואס הייסט כבוד ועונג - **הרי הוא מפורש בקבלה שכרו בעולם הזה**, שטייט שוין אין דברי קבלה אז זיין שכר

איז יתר, **שכרו בעולם הזה יתר על השכר הצפון לעולם הבא.** שטייט שוין אין קבלה אז ער גייט האבן שכר סיי בעולם הזה און סיי בעולם הבא, אויסער די שכר וואס ער גייט האבן בעולם הבא גייט ער האבן בעולם הזה, **שנאמר**, ווי ס'שטייט אין פסוק, די ענד פון די פסוק פון וואס ס'איז געשטאנען די זאכן פון כבוד ועונג, **וכבדתו מעשות דרכיך** און אזוי ווייטער, וואס איז די שכר? **אז תתענג על ה'**, אפשר תתענג על ה' איז דא לעולם הבא, **והאכלתיך נחלת יעקב אביך**, וואס זיי טראטן אויסער פון דער וועלט. ברוך נותן נחלת יעקב בלא גבול האט ער געגעבן די נחלה וואס באלאנגט פאר די אידן, ארץ ישראל, **כפי השם דבר**, ווייל דער אייבערשטער פאלגט. אזוי דער אייבערשטער, דברי אמת וצדק דברי השם.

זייער גוט. עד כאן הלכות שבת, ברוך רחמנא דסייען. יא? כפי כחו, דארף מען איינגיין. כפי כחו, אזוויוי מיר האבן געלערנט כפי ממון, דאס הייסט, דו זאלסט נישט מיינען אז איינער האט נישט קיין געלט.

**סיום הנושא ומעבר להלכות שבת**

**Speaker 1:** שטימט?

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** אקעי, מ'גייט אריבער צו הלכות שבת.